בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִליון

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון ע"ט

יום טוב סוכות שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי שְׁנַת תשפ"ד

## מוּסָר אוּן הִתְחַזְקוּת

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נַייֶע שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### דִי חִינוּךְ שִׁיעוּרִים זֶענֶען נוֹגֵעַ פַאר אַלֶעמֶען

אִיךְ וִויל גֶעבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק פַאר דִי מְלַמְּדִים, אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיבּ דִי לֶערֶערִינְס פוּן בֵּית פֵּיגָא וֶועלְן עֶס אוֹיךְ אוֹיסְהֶערְן, וַוייל וָואס אִיךְ רֶעדְט צוּ מְלַמְּדִים אִיז נוֹגֵעַ פַאר אַלֶעמֶען, 'כִּי זִכָּרוֹן אֶחָד עוֹלֶה לְכָאן וּלְכָאן' (ווִי דֶער הֵיילִיגֶער שְׁלָ"ה דְרוּקְט זִיךְ אוֹיס אִין זַיין תְּפִלָּה פַאר עֶלְטֶערְן); עֶס אִיז נוֹגֵעַ סַיי פַאר דִי מְלַמְּדִים אוּן מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דִי יְשִׁיבָה גֵייט שׁוֹין אַבִּיסְל אַרִיבֶּער צוּ דִי נֶעקְסְטֶע שְׁטַאפְּל, אַמָאל אִיז אַלֶעס גֶעלִיגְן אוֹיף מִיר, אִיךְ בִּין אַ גַאנְצְן טָאג גֶעזִיצְן אִין יְשִׁיבָה מִיט דִי בָּחוּרִים, אָבֶּער הַיינְט הָאבְּן מִיר גוּטֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים וָואס זִיצְן מִיט דִי בָּחוּרִים, אוּן אוֹיךְ אִיז עֶס נוֹגֵעַ פַאר לֶערֶערִינְס אוּן עֶלְטֶערְן, וַוייל יֶעדֶע טַאטֶע מַאמֶע אִיז אַ מְחַנֵּךְ פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

### וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן מוּסָר

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וִויל אִיךְ עֶנְק זָאגְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: **"פַאר יֶעדֶע לֶעפֶּעלֶע מוּסָר, דַארְף מֶען אָנְגִיסְן אַ גַאנְצֶע שִׁיסְל הִתְחַזְקוּת"**; אַ מְלַמֵּד דַארְף וִויסְן, וֶוען עֶר רֶעדְט צוּ קִינְדֶער אוּן עֶר וִויל זֵיי גֶעבְּן 'אַ לֶעפֶּעלֶע מוּסָר', עֶר וִויל אַרֵיינְלֵייגְן אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דַארְף עֶר זֵיי אוֹיךְ גֶעבְּן 'אַ שִׁיסְל הִתְחַזְקוּת', עֶס מוּז זַיין גֶעפְלָאכְטְן מִיט אַסַאךְ אַסַאךְ חִיזוּק פַארְדֶעם אוּן נָאכְדֶעם, אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען וִויל גֶעבְּן אַ לֶעפְל מֶעדֶעצִין פַאר אַ קִינְד, גֶעבְּט מֶען אִים אַ גְלֶעזְל אָרָאנְדְזְשׁ דְזְשׁוּס פַארְדֶעם אוּן נָאכְדֶעם.

וַוייל אַז מֶען רֶעדְט נָאר דֶער 'חֵלֶק הַמּוּסָר', קֶען פַּאסִירְן אַז אַנְשְׁטָאט עֶס זָאל אוֹיפְטוּן, זָאל עֶס גָאר קַאלְיֶע מַאכְן, דִי קִינְדֶער וֶועלְן עֶס נִישְׁט אוֹיפְנֶעמֶען אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אוּן סְתַּם וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן דֶערְפוּן.

מֶען מוּז אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס; מֶען דַארְף זֵיי זָאגְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט טוּן, אָבֶּער מֶען דַארְף צוּלֵייגְן אַז אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס יָא גֶעטוּן - קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט יֶעדְן צוּרִיק אֲפִילוּ מֶען הָאט חַס וְשָׁלוֹם גֶעזִינְדִיגְט.

### אַ שִׁיסְל הִתְחַזְקוּת

דֶעם הַיינְטִיגְן שִׁיעוּר וֶועל אִיךְ עֶנְק אוֹיךְ גֶעבְּן אוֹיף דֶעם וֶועג, קוֹדֶם וֶועל אִיךְ עֶנְק אָנְגִיסְן מִיט אַבִּיסְל חִיזוּק, אוּן נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ צוּקוּמֶען צוּ דִי לֶעפֶּעלֶע מוּסָר פוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט רֶעדְן.

אַ מְלַמֵּד דַארְף זִיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַזֵּק זַיין מִיט זַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ שְׁטֵיי אִין דִי זַייט, אִיךְ קוּק זִיךְ צוּ צוּ דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט וָואס דִי מְלַמְּדִים אוּן מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים טוּעֶן, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען צוּ זֶען וִוי זֵיי גֶעבְּן זִיךְ אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים מִיט אַזַא סַבְלָנוּת; קַיין אֵיין טַאטֶע הָאט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס זַיינֶע קִינְדֶער מַאכְן פַארְ'ן מְלַמֵּד אִין אֵיין טָאג! אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען וִויסְן אַז עֶס אִיז טַאקֶע אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט - אָבֶּער עֶס לוֹינְט, וַוייל וִוי נִישְׁט וִוי אַרְבֶּעט יֶעדֶער אֵיינֶער שְׁוֶוער, יֶעדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, אוּן וָואס בְּלַייבְּט פוּן דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט? גָארְנִישְׁט! אוּן עֶנְקֶער אַרְבֶּעט אִיז אַ 'נִצְחִיּוּת', פוּן דֶעם בְּלַייבְּט.

### זִיבֶּעצִיג יָאר הָאסְטוּ גֶעשְׁנִיטְן סְחוֹרָה?!

אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה, הָאבּ אִיךְ אֵיינְמָאל גֶעהַאט שְׁטַארְקֶע חֲלִישַׁת הַדַּעַת, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען שְׁרֶעקְלִיךְ צֶעבְּרָאכְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט וִוי אִיךְ זִיץ וִוי אַ נַאר אִיךְ גֶעבּ דְרָשׁוֹת אוּן גָארְנִישְׁט קְלֶעבְּט זִיךְ נִישְׁט אָן אִין דִי בָּחוּרִים, אִיךְ הַאלְט נָאךְ בַּיי אַלֶף, בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין יוֹצֵא גֶעוֶוען, אִיךְ לָאז אַלֶעס אָפּ; נִישְׁט אַז אִיךְ לָאז חַס וְשָׁלוֹם אָפּ אִידִישְׁקֵייט, נָאר אִיךְ לָאז אָפּ דִי יְשִׁיבָה, אִיךְ גֵיי צוּרִיק צוּ דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וָואס אִיז נֶעבְּן מַיין שְׁטוּבּ, דָארְט אִיז דָא פֵיינֶע עֶירְקָאנְדִישְׁן אוּן פֵיינֶע קַאוֶוע, דָארְט שְׁטֶערְט מִיךְ נִישְׁט קֵיינֶער, וַוייל מֶענְטְשְׁן שֶׁעמֶען זִיךְ צוּצוּקוּמֶען צוּ מִיר אִין פָארְנְט פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, וָואס קֶען זַיין בֶּעסֶער פוּן זִיצְן אַלֵיינְס אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת?!

מוֹהֲרַנְ"ש הָאט דָאס גֶעזֶען בְּרוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, אוּן יֶענֶע מִינוּט רוּפְט מִיךְ מוֹהֲרַנְ"ש אוּן מוֹהֲרַנְ"ש זָאגְט מִיר בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן? שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז דוּ אַרְבֶּעטְסְט בַּיי 'רָאטְה קְלָאדִינְג', (דָאס אִיז גֶעוֶוען יָארְן צוּרִיק אַ מַלְבּוּשִׁים גֶעשֶׁעפְט אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, מוֹהֲרַנְ"ש הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דֶעם מָשָׁל וַוייל אִיךְ טְרָאג דֶעם זֶעלְבְּן נָאמֶען פוּן יֶענֶעם גֶעשֶׁעפְט), אוּן דוּ קוּמְסְט אַרוֹיף נָאךְ זִיבֶּעצִיג יָאר אוֹיבְן אִין הִימְל, וֶועט מֶען פְרֶעגְן דַיין נְשָׁמָה: **'וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן זִיבֶּעצִיג יָאר?'** וֶועסְטוּ עֶנְטְפֶערְן: 'אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁנִיטְן סְחוֹרָה'... וֶועט מֶען דִיךְ פְרֶעגְן: **'זִיבֶּעצִיג יָאר הָאסְטוּ גֶעשְׁנִיטְן סְחוֹרָה?!'"**

אִיךְ וֶועל עֶס מַסְבִּיר מִיט אַ קְלֶענֶערֶע מָשָׁל, פוּן אֵיין וָואךְ, אַז מֶען זָאל עֶס גְרִינְגֶער פַארְשְׁטֵיין. מִיר פָארְן דָאךְ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן; שְׁטֶעלְטְס עֶנְק פָאר אַ אִינְגֶערְמַאן קוּמְט אַהֵיים פוּן אוּמַאן אוּן זַיין וַוייבּ פְרֶעגְט אִים: **"וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן אִין אוּמַאן?"** אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן אִין מַיין אַכְסַנְיָא, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט מַיין בִּיזְנֶעס, מִיט מַיין טֶעלֶעפָאוּן אוּן וַואטְסְעֶפּפּ"**, וֶועט אִים זַיין וַוייבּ פָארְהַאלְטְן: **"וֶועגְן דֶעם בִּיסְטוּ גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן? הָאסְט דָאךְ גֶעקֶענְט גֵיין צוּם צִיּוּן?! פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט אוֹיסְגֶענוּצְט דִי צַייט?!"**

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאגְט מוֹהַרָא"ש, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל נָאךְ זִיבֶּעצִיג יָאר וֶועט מֶען אִים פְרֶעגְן: **"זִיבֶּעצִיג יָאר הָאסְטוּ גֶעשְׁנִיטְן סְחוֹרָה אוּן גֶעמַאכְט בֶּעקִיטְשֶׁעס?"** אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט עֶנְטְפֶערְן אַז עֶר הָאט עֶס גֶעטוּן וַוייל עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה פַאר זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, וֶועט מֶען אִים אָבֶּער פְרֶעגְן: **"אִיז עֶס מַמָּשׁ גֶעוֶוען לְצֹרֶךְ פַּרְנָסָה? וָואלְסְט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרְבֶּעטְן אַבִּיסְל וֶוייניגֶער שָׁעוֹת אוּן מֶער אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט פַאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה?!"**

**"אָבֶּער דוּ"** - הָאט מוֹהַרָא"ש אוֹיסְגֶעפִירְט - **"וֶועסְט קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן 'אִיךְ הָאבּ זִיבֶּעצִיג יָאר גֶערֶעדְט צוּ בָּחוּרִים, אִיךְ הָאבּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל גֶערֶעדְט צוּ זֵיי פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן דַאוְוענֶען, פוּן נֶעגְל וַואסֶער, פוּן קְרִיאַת שְׁמַע, פוּן אֵיידְלְקֵייט אוּן קְדוּשָּׁה"**.

## רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה

אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין אַבִּיסְל מְחַזֵּק גֶעוֶוען, וִויל אִיךְ גֶעבְּן דִי 'לֶעפֶעלֶע מוּסָר'...

מְלַמְּדִים דַארְפְן רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה.

אוֹיבּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה, קֶען מֶען בַּאקוּמֶען אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטְרָאף!

עֶס אִיז דָא אַ מַעֲשֶׂה אִין תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ (פֶּרֶק יח), אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא דֶערְצֵיילְט: אִיךְ הָאבּ אַמָאל אָנְגֶעטְרָאפְן אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ תַּלְמִידִים - בְּעֶרֶךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט תַּלְמִידִים; נָאךְ אַ יָאר בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט פוּן דֶעם מְלַמֵּד, וֶוען אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעזוּכְט דֶעם מְלַמֵּד זִיךְ צוּ קֶענֶען טְרֶעפְן מִיט אִים הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן צוּזַאמֶען מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען אַלֶע זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעשְׁטָארְבְּן, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען 'פַארְוָואס דֶער מְלַמֵּד מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, מִיט דִי תַּלְמִידִים, זֶענֶען אַלֶע גֶעשְׁטָארְבְּן', בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן מִיר גֶעפְרֶעגְט: **"אֵלִיָּהוּ, פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?"** הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט, **"צִי דֶען זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען, אַז דִי אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן?"** הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: **"וֵויין נִישְׁט אֵלִיָּהוּ, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן עֲבֵירוֹת אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, זֵיי הָאבְּן פּוֹגֵם גֶעוֶוען בְּאוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי אַלֶע גֶעשְׁטָארְבְּן יוּנְג"**.

## נִישְׁט דֶערְצֵיילְן שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשִׂיּוֹת

אַגַּב, מֶען קֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר קִינְדֶער, קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט הֶערְן אַזַא מַעֲשֶׂה, וַוייל זֵיי קֶענֶען אַהֵיימְקוּמֶען מִיט אַ צִיטֶער אַז 'אִיךְ גֵיי שׁוֹין שְׁטַארְבְּן', וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין אַמָאל אָנְגֶערִירְט דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אָדֶער עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אַמָאל בַּאהַאלְטְן מִיט אַ צְוֵוייטְן אוּן זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט נִישְׁט אֵיידְל. דָאס אִיז אַ מַעֲשֶׂה וָואס מִיר מְלַמְּדִים דַארְפְן וִויסְן, אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, קֶענְסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ.

פַאר קִינְדֶער זָאגְט מֶען פָּשׁוּט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: **"מֶען טָאר נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְ'ן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ! עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט"**, אוּן **"קֵיינֶער קֶען דִיךְ נִישְׁט אָנְרִירְן אוּנְטֶער דַיינֶע קְלֵיידֶער"**. אוֹיבּ מֶען כַאפְּט אַ קִינְד וָואס הָאט יָא גֶעטוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דַארְף אִים דֶער מְנַהֵל גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ.

## קֶען מֶען דֶען נָאכְקוּקְן קִינְדֶער?

מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז גֶענוּג נָאכְצוּקוּקְן קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זַיין אֵיידְל אוּן הֵיילִיג, וַוייל נָאכְקוּקְן הֶעלְפְט נִישְׁט; מֶען קֶען נִישְׁט פְּרָאטֶעקְטְן אַ קִינְד פוּן אַ מְנִיוָול.

אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט פְּרוּבִּירְן נָאכְצוּקוּקְן אַ קִינְד אַז עֶר זָאל זַיין אֵיידְל אוּן הֵיילִיג, קֶען נָאכְאַלְץ פַּאסִירְן אַז אַ מְנִיוָול זָאל אִים עֶרְגֶעץ טְרֶעפְן אָן דַיין וִויסְן; אִיךְ קֶען דִיךְ גֶעבְּן אַזוֹיפִיל מְשָׁלִים פוּן מַעֲשִׂיּוֹת וָואס הָאבְּן לֵיידֶער פַּאסִירְט, אַז דוּ וֶועסְט אַרָאפְּפַאלְן פוּן זִינֶען...

אִיךְ וֶועל עֶנְק דֶערְצֵיילְן אַפָּאר מַעֲשִׂיּוֹת; אִין אוּמַאן הָאבְּן מִיר גֶעבּוֹיט אַן אֵייגֶענֶע בִּנְיָן, מִיר הָאבְּן עֶס גֶעמַאכְט אוֹיף דִי בֶּעסְטֶע וֶועג כְּדֵי אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר דִי גַּבָּאִים נִישְׁט אַרַיינְצוּנֶעמֶען סְתַּם מֶענְטְשְׁן אִין אוּנְזֶער בִּנְיָן, נָאר גֶעזוּנְטֶע מֶענְטְשְׁן, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט מִיר אַ בָּחוּר גֶעזָאגְט פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק אַז אֵיינֶער פוּן דִי גוֹיִם וָואס רֵייניגְן דֶעם בִּנְיָן הָאט אִים צוּגֶערוּפְן אִין אַ זַייט אוּן גֶעוָואלְט טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, וָואס קֶען מֶען טוּן צוּ דֶעם? זָאל מֶען הֵיי יָאר נִישְׁט אוֹיפְנֶעמֶען מֶער קֵיין גוֹיִם? קֶענְסְט מִיר בְּרֶענְגֶען פוּפְצִיג אִינְגֶעלַייט וָואס זָאלְן שְׁנַיידְן דִי פִּישׁ אַנְשְׁטָאט דִי גוֹיִם? מֶען מוּז דָאךְ הָאבְּן גוֹיִם, וָואס דֶען אִיז דִי עֵצָה אָפְּצוּהִיטְן דִי קִינְדֶער? - אַז מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי קְלָארֶע אָפֶענֶע וֶוערְטֶער אַז מֶען מוּז זַיין אֵיידְל אוּן הֵיילִיג.

## אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ ל"ו צַדִּיק...

אַ בָּחוּר וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה הָאט מִיר אַמָאל דֶערְצֵיילְט אַז זַיין טַאטֶע הָאט מְשַׁמֵּשׁ גֶעוֶוען אוּן אַרַיינְגֶענוּמֶען בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים אַ 'ל"ו צַדִּיק'... אוּן יֶענֶער הָאט אִים בַּאצְוואוּנְגֶען נַאכְט נָאךְ נַאכְט פַאר צְוֵויי יָאר אִין אַ צִי, עֶר זָאל טוּן מִיט אִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט! דֶער בָּחוּר הָאט מִיר גֶעזָאגְט: **"קֵיינֶער וֵוייסְט נָאכְנִישְׁט פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אִיךְ דֶערְצֵייל עֶס יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וַוייל אִיךְ הָאבּ מוֹרָא גֶעהַאט צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז מַיין טַאטֶע אִיז פַארְגְלֵייבְּט אִין דֶעם אִיד אוּן עֶר גֵייט מִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן וָואס אִיךְ זָאג"**.

וָואס זָאגְט עֶטְץ צוּ אַזַא מַעֲשֶׂה? דֶער בָּחוּר אִיז נֶעבֶּעךְ הַיינְט אַ גֶעהַרְגֶעטֶער מֶענְטְשׁ, זַיין גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז נָאר אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אָנְדֶעם וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעטוּן, פַארְוָואס? וַוייל זַיין טַאטֶע הָאט אַרַיינְגֶענוּמֶען בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים אַ 'ל"ו צַדִּיק' וָואס עֶסְט נָאר הֵיימִישׁ... שׁוֹמּוּ שָׁמַיִם! הַלְוַואי זָאל אִיךְ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן דֶעם אִינְגֶערְמַאן עֶר זָאל עֶנְק עֶס אַלֵיינְס דֶערְצֵיילְן, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס טְרַאכְטְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מַאכְט אוֹיף גוּטֶע מַעֲשִׂיּוֹת... זָאלְט עֶטְץ עֶס הֶערְן פוּן אִים אַלֵיינְס.

## פַארְוֶועם פַארְדִינְגְסְטוּ דַיין דִירָה?

עֶס אִיז דָא אַ אִינְגֶערְמַאן אִין שְׁטֶעטְל וָואס הָאט אַ לֵיידִיגֶע דִירָה וָואס עֶר פַארְדִינְגְט פַאר מֶענְטְשְׁן דוּרְכְאוֹיס דִי יָאר, הָאט מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן שְׁטֶעטְל דֶערְצֵיילְט, אַז אֵיין וָואךְ פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאט עֶר גֶעזֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אַ גַאסְט וָואס גֶעהֶערְט צוּ דִי קְהִלָּה פוּן וואוּ עֶר קוּמְט, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז יֶענֶער אִיז אַ קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ, מַמָּשׁ אַ חוֹלֶה לְאוֹתוֹ דָּבָר, עֶר קֶען צוּגֵיין צוּ אַ קִינְד אוּן אִין אֵיין מִינוּט אִים אָפְּהַרְגֶענֶען פַאר'ן לֶעבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶען הָאט שׁוֹין יֶענֶעם אֲפִילוּ אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן זַיין קְהִלָּה, אוּן דָא זֶעט עֶר יֶענֶעם זִיצְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ...

דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאגְט מִיר אַז עֶר אִיז גֶעזִיצְן אִין דִי זַייט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבִּיסְן דִי נֶעגְל נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג וָואס צוּ טוּן, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן יֶענֶעם אַרוֹיסְוַוארְפְן וַוייל דָא אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָא אֵיין פְּרָאבְּלֶעם וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט אִין שְׁטָאט; וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אִין שְׁטָאט אַז אַ קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרַיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, קֶען אִיךְ אִים זָאגְן: **"גֵיי אַרוֹיס פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט דָא זַיין, דוּ בִּיסְט אַ** מְנִיוָול", אוּן עֶר קֶען גֵיין אִין אַנְדֶערֶע בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים, אָבֶּער דָא אִין שְׁטֶעטְל אִיז עֶס שְׁוֶוערֶער, וַוייל דָא אִיז נִישְׁטָא וואוּ צוּ גֵיין, מִיר הָאבְּן דָא נָאר אֵייגֶענֶע בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט אַסַאךְ מָאל אִין שְׁטֶעטְל אַז אִיךְ הָאבּ שַׁבָּת בַּאמֶערְקְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אַ בָּחוּר וָואס גֶעפֶעלְט מִיר נִישְׁט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשִׁיקְן, וַוייל וואוּ זָאל עֶר גֵיין?

אִיךְ טְרַאכְט, מֶען וָואלְט גֶעדַארְפְט

אוֹיפְקוּמֶען מִיט אַ גֶעדַאנְק מֶען זָאל אַהֶער בְּרֶענְגֶען אֵיינֶער זָאל עֶפֶּענֶען דָא אִין שְׁטֶעטְל אַ נַייעֶ בֵּית הַמֶדְרָשׁ, וָואס וֶועט הֵייסְן דִי 'מִתְנַגְדִים שׁוּל', אוּן דִי שׁוּל זָאל זַיין גֶעבּוֹיט אוֹיף 'אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל', וואוּ מֶען וֶועט יֶעדְן מְקָרֵב זַיין, קוּשְׁן אוּן הַאלְזְן, אוּן אִיךְ וֶועל שְׁטִילֶערְהֵייט אוֹיסְהַאלְטְן דִי הוֹצָאוֹת פוּנֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אוּן אִיךְ וֶועל בַּאצָאלְן דִי טְשָׁאלְנְט פוּן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת... אַזוֹי וֶועל אִיךְ פַארְדִינֶען אַז אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז מִיר פַארְדֶערְכְטִיגְט וֶועל אִיךְ אִים קֶענֶען אַהִין שִׁיקְן...

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אֲפִילוּ מֶען הָאט שׁוֹין גֶעבּוֹיט אַן אֵייגֶענֶע שְׁטֶעטְל אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער הֵיילִיג אוּן רֵיין, קֶען נָאךְ אַלְץ פַּאסִירְן אַז עֶס זָאל קוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת אַ קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ, דֶערְפַאר דַארְף מֶען אָנְגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן מְנִיוָולִים, נָאר אַזוֹי וֶועלְן זֵיי זַיין אָפְּגֶעהִיטְן.

## עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ בְּלַייבְּן אוֹיךְ בַּיינַאכְט

עֶס אִיז גְרַאדֶע דָא אַ וֶועג פוּן אָפְּהִיטְן דִי קִינְדֶער, אַז מֶען זָאל אוֹיפְבְּלַייבְּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוּן זִיךְ אוּמְקוּקְן אוֹיף דִי קִינְדֶער.

דִי עֶלְטֶערְן פוּן מַיין שְׁוֶוער הָאבְּן גֶעהַאט אַן אָפֶּענֶעם טִיר פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, פַאר בִּיז צְוָואנְצִיג יָאר צוּרִיק הָאט יֶעדֶער מְשׁוּלָח פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֶעוואוּסְט אַז מֶען קֶען אַיינְשְׁטֵיין בַּיי 'מִשְׁפַּחַת מַייזְלִישׁ' פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג. אֵיין מָאל זֶענֶען זֵיי גֶעזֶעצְן אוֹיף אַ פְלִיגֶער פָארְנְדִיג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אַ מְשׁוּלָח אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵיי פְרֶעגְן אוֹיבּ זֵיי וֵוייסְן וואוּ 'מִשְׁפַּחַת מַייזְלִישׁ פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג' וואוֹינֶען, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר דַארְף ווִיסְן וואוּ זֵיי וואוֹינֶען, הָאט דֶער מְשׁוּלָח גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר פָארְט יֶעצְט קַיין אַמֶערִיקֶע אוּן עֶר גֵייט אַיינְשְׁטֵיין בַּיי זֵיי פַאר צְוֵויי וָואכְן, ווִיל עֶר ווִיסְן וואוּ זֵיי וואוֹינֶען... הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: **"מִיר זֶענֶען מִשְׁפַּחַת מַייזְלִישׁ"**... פוּן דֶעסְט וֶועגְן, זָאגְט מִיר מַיין שְׁוֶוער שְׁלִיטָ"א אַז זַיין מַאמֶע אִיז גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף אַ גַאנְצֶע נַאכְט, זִי אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן אִין שְׁטוּבּ, הֶערְשְׁט צוּפְרִי וֶוען דִי מְשׁוּלָחִים זֶענֶען אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ קְלֵייבְּן גֶעלְט, הָאט זִי זִיךְ אַבִּיסְל אַרָאפְּגֶעלֵייגְט.

אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט גֶענוּג צוּ רַאטֶעוֶוען דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט פַּאלְן קָרְבָּנוֹת פַאר מְנִיוָולִים, דִי עֶכְטֶע וֶועג אִיז אַז מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער. אוּן וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט שְׁרֶעק, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן מֶער נִישְׁט וֶועלְן רֶעדְן פוּן דֶעם, זֵיי זָאלְן עֶס הַאלְטְן בְּסוֹד בִּיז דִי פֶערְצִיג יָאר...

## אֶפְשָׁר אִיז דֶער מְלַמֵד דֶער פְּרָאבְּלֶעם?

מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער קְלָארֶע וֶוערְטֶער: **"מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ"**, **"קֵיינֶער קֶען דִיךְ נִישְׁט אָנְרִירְן אוּנְטֶער דַיינֶע קְלֵיידֶער"**, **"עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט"**.

אֵיי, עֶס הֶעלְפְט דָאךְ נִישְׁט סְתַּם רֶעדְן, - וֶוער הָאט דִיךְ גֶעזָאגְט אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט? זָאג עֶס אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס הֶעלְפְט, אוּן אוֹיבּ זֶעסְטוּ אַז נָאכְן רֶעדְן הֶעלְפְט עֶס נִישְׁט, קֶען אֶפְשָׁר זַיין אַז דַיינֶע דִיבּוּרִים טוּעֶן נִישְׁט אוֹיף וַוייל דוּ בִּיסְט דֶער מְלַמֵד אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט לִיבּ דֶעם קִינְד, דֶערְפַאר נֶעמְט נִישְׁט דֶער קִינְד אָן וָואס דוּ רֶעדְסְט.

נִישְׁט אַלֶעמָאל אִיז דֶער קִינְד דֶער פְּרָאבְּלֶעם, אַסַאךְ מָאל אִיז דֶער מְלַמֵד אַלֵיין דֶער פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶר הָאט נִישְׁט לִיבּ דֶעם קִינְד, וַוייל אַז מֶען הָאט לִיבּ אַ קִינְד אוּן מֶען זָאגְט עֶס אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, גֵייעֶן דִי וֶוערְטֶער זִיכֶער אַרַיין אִינֶעם קִינְד.

גֵיי אִין אַ זַייט, מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ מִיט דֶעם תַּלְמִיד וַוייל אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט לִיבּ"**,

## זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל

חִינוּךְ אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ גֵיין צוּ אַ 'שַׁבַּתּוֹן' מִיט אַ פְּרָאגְרַאם פַאר דִי קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן פוּן דֶעם, ווִי צוּ זִיצְן מִיט קִינְדֶער אוּן זֵיי זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל ווִי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן.

אִיךְ זֶע צוּמָאל אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס פִילְן זִיךְ אָן אַ גְלֶעזְל סָאדֶע אוּן הֵייבְּן אָן טְרִינְקֶען אָן אַ בְּרָכָה, יֶעדֶעס מָאל טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר: 'עֶס קֶען זַיין אַז עֶר אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג, עֶס קֶען זַיין אַז זַיין טַאטֶע הָאט אִים נִישְׁט גֶעזָאגְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַז מֶען דַארְף מַאכְן אַ בְּרָכָה, דֶערְפַאר טוּט עֶר דָאס נִישְׁט'.

פַארְוָואס זָאגְסְטוּ נִישְׁט פַאר דַיין זוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: **"מֶען דַארְף מַאכְן אַ בְּרָכָה!"** עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס כַאפְּן אוֹיף שְׁנֶעלֶער דִי זַאךְ פוּן מַאכְן בְּרָכוֹת, אוּן עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס כַאפְּן עֶס אוֹיף שְׁטַייטֶער.

אִיךְ הָאבּ אֵיין קִינְד וָואס כַאפְּט נִישְׁט דִי זַאךְ פוּן מַאכְן בְּרָכוֹת, אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין זִיכֶער דֶערְמַאנְט אַ זִיבְּן אַכְט טוֹיזְנְט מָאל אַז מֶען דַארְף מַאכְן בְּרָכוֹת. וֶוען מֶען זֶעט אַ קִינְד ווִי עֶר נֶעמְט אַרַיין אִין מוֹיל אָן אַ בְּרָכָה, דַארְף מֶען ווִיסְן, אוֹיבּ אִיז עֶס אַן עֶסְנְוַוארְג, אֲפִילוּ אַ קֶענְדִי, דַארְף מֶען אִים זָאגְן: **"נֶעם עֶס אַרוֹיס פוּן מוֹיל אוּן מַאךְ אַ בְּרָכָה"**, אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז אַ גֶעטְרַאנְק דַארְף מֶען אִים זָאגְן: **"שְׁלִינְג עֶס אַרָאפּ אוּן מַאךְ אַ בְּרָכָה"**.

## אַ שְׁמוּעֶס פַאר דִי גַבָּאִים

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אֵיינֶער פוּן דִי מְלַמְדִים וָואס אִיז אוֹיךְ אַ גַבַּאי אִין אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִין שְׁטֶעטְל:** דוּ בִּיסְט דֶער גַבַּאי אִין יֶענֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ וואוּ יֶענֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער גַאסְט אִיז גֶעקוּמֶען דַאוֶוענֶען שַׁבָּת, ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (דֶּרֶךְ אֶרֶץ רַבָּה, ה) אַ גַאסְט דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין אוּן חוֹשֵׁד זַיין. אַז אֵיינֶער הָאט גֶעקוֹיפְט אַ הוֹיז אִין דַיין גֶעגְנְט אוּן עֶר פַארְדִינְגְט עֶס יֶעדֶע וָואךְ פַאר אַ צְוֵוייטְן, זָאלְסְטוּ מְכַבֵּד זַיין דֶעם גַאסְט, אָבֶּער קוּק זִיךְ אוֹיךְ אוּם אַז אַלֶעס זָאל זַיין אִין אָרְדֶענוּנְג, וַוייל דוּ וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט וֶוער יֶענֶער אִיז.

אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג בִּין אִיךְ דֶער גַבַּאי אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ מָאל גֶעדַארְפְט אַרוֹיסְטְרָאגְן מֶענְטְשְׁן פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ.

בִּכְלַל אִיז ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן פַאר וֶועם מֶען פַארְדִינְגְט אַ דִירָה. מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְדִינְגֶען אַ דִירָה פַאר אֵיינֶעם וָואס מֶען קֶען נִישְׁט, אֲפִילוּ אַז דוּ פַארְדִינְגְסְט עֶס פַאר אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אִיז אוֹיךְ נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט אַז יֶענֶער אִיז אִין אָרְדֶענוּנְג, אָבֶּער דֶעמָאלְט וֵוייסְט מֶען מֶער וֵוינִיגֶער וֶוער יֶענֶער אִיז, אָבֶּער פַאר אַ פְרֶעמְדֶער?! אִיךְ וָואלְט נִישְׁט פַארְדִינְגֶען מַיין דִירָה פַאר אֵיינֶעם וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט, פַאר נִישְׁטִיגֶע דְרֵיי הוּנְדֶערְט דָאלֶער פַאר אַ שַׁבָּת לוֹינְט נִישְׁט צוּ פַארְדִינְגֶען אַ דִירָה פַאר אֵיינֶעם וָואס מֶען קֶען נִישְׁט, אַז עֶר גֵייט מִיט אַ טַלִית מִיט אַן 'עֲטָרָה' אוֹיף דִי רוּקְן - מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז עֶר קֶען נִישְׁט שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג אָפְּהַרְגֶענֶען דַיינֶע קִינְדֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

עַל כָּל פָּנִים, צוּ דִי גַבָּאִים וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם רֶעדְן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיז נוֹגֵעַ צוּ זֵיי, יֶעצְט אַז אִיךְ רֶעד צוּ מְלַמְדִים ווִיל אִיךְ בֶּעטְן דִי מְלַמְדִים מֶען זָאל רֶעדְן צוּ קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, וַוייל דָאס אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וֶועג אָפְּצוּהִיטְן קִינְדֶער פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זָאל מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי, זֵיי נִישְׁט אָנְשְׁרֶעקְן אַז זֵיי גֵייעֶן שְׁטַארְבְּן חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## אַז עֶס אִיז גֶעשְׁמַאק אִינְדֶערְהֵיים, אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִויכְטִיג דִי פְּלֶעיס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, ז' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט שִׁיקְן דַיינֶע קִינְדֶער צוּ אַ פְּלֶעי חוֹל הַמּוֹעֵד; אִיךְ בִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי אַ פְּלֶעי, בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, עֶס הָאט אוּנְז גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט, מִיר הָאבְּן אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין. אוֹיךְ מַיינֶע קִינְדֶער שִׁיק אִיךְ נִישְׁט צוּ קַיין פְּלֶעיס, אִיךְ הַאלְט זֵיי מִיט מִיר, אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵיי צוּ מַאכְן גֶעשְׁמַאק אִין שְׁטוּבּ אַז עֶס זָאל זֵיי נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן דִי נַארִישֶׁע פְּלֶעיס.

וָואס קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, וָואס וֵוייס אִיךְ פַאר מִיר וָואס צוּ טוּן; מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט וִויסְן וָואס צוּ טוּן.

בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַג הַפֶּסַח תשפ"ג)

## פִירְן אַ פָּשׁוּטֶ'ע בִּילִיגֶע לֶעבְּן, קֶען שַׁאטְן פַאר דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מַאמֶע פוּן אַ קִינְדֶער גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע פַאמִילְיֶע, אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּ הַאלְטְן צוּ אַ בִּילִיגֶע סְטַאנְדַארְט, צוּ קוֹיפְן דִי בִּילִיגְסְטֶע, אוּן אֲפִילוּ נֶעמֶען גֶענוּצְטֶע וֶועשׁ פוּן אַנְדֶערֶע, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט חוֹל הַמּוֹעֵד גֵייעֶן מִיר נָאר צוּ פָּשׁוּטֶ'ע פְּלֶעצֶער צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען. ווִידֶער מַיינֶע שְׁוועסְטֶער אוּן שְׁוועגֶערִינְס הַאלְטְן זִיךְ זֵייעֶר הוֹיךְ, זֵיי קוֹיפְן אַלְץ טֵייעֶרֶע זַאכְן, אוּן מֶען גֵייט אוֹיף וַוייטֶע אוּן טֵייעֶרֶע אוֹיסְפְלוּגְן.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דָאס וֶועט נִישְׁט שַׁאטְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְכֶע קֶענֶען שְׁפִּירְן אַז זֵיי זֶענֶען בַּאעַוְולְ'ט גֶעוָוארְן, זֵיי זֶענֶען דִי נֶעבֶּעךְ'ס, זֵיי בַּאקוּמֶען נִישְׁט אַזוֹיפִיל ווִי זֵייעֶרֶע קְרוֹבִים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

ווָאוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר צִיט אוֹיף אַייעֶר מִשְׁפָּחָה אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן וְכוּ'.

ווִיסְן זָאלְט אִיר, דִי קִינְדֶער וָואס מֶען צֶערְטֶעלְט (סְפּוֹילְט) זֵיי, מֶען טוּט זֵיי אָן ווִי קֶענִיגְן אוּן מֶען טְרָאגְט זֵיי חוֹל הַמּוֹעֵד הַאלְטְן אוֹיף דִי זוּן אִין דִי לְבָנָה וְכוּ' – אוֹיף זֵיי אִיז אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת, וַוייל גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער אַלֶעס וָואס זֵיי ווִילְן אוּן אַלֶעס וָואס זֵיי חָלוֹמְ'עֶן דָאס מַאכְט זֵיי פַאר אַ נֶעבֶּעךְ.

גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער אַלֶעס וָואס זֵיי בֶּעטְן וְכוּ' – אִיז אַ פוֹילֶע וֶועג אִין חִינוּךְ; עֶלְטֶערְן כַאפְּן זִיךְ נִישְׁט אַז דָאס אָנְטוּן דִי קִינְדֶער מִיט דִי טֵייעֶרְסְטֶע קְלֵיידֶער אוּן מִיט דִי נֵייסְטֶע מָאדֶעס – וֶועט זֵיי שְׁפֶּעטֶער קָאסְטְן אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז.

קִינְדֶער דַארְפְן גָארְנִישְׁט, קִינְדֶער דַארְפְן נָאר אֵיין זַאךְ: "אַ וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ"; קִינְדֶער וָואס הָאבְּן אַ וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ, זֵיי וַואקְסְן אוֹיף אִין אַ שְׁטוּבּ וואוּ דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ לִיבּ, וואוּ דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען זִיךְ מְכַבֵּד אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן – דִי קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט וֶוערְן קַיין נֶעבֶּעךְ'ס. קִינְדֶער וָואס מֶען רֶעדְט שֵׁיין צוּ זֵיי, מֶען דֶערְנִידֶערְט זֵיי נִישְׁט, מֶען שְׁרֵייט נִישְׁט אוֹיף זֵיי – דִי וַואקְסְן אוֹיף גֶעזוּנְט.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן וַוייטֶער צוּ מְחַנֵּךְ זַיין אַייעֶרֶע קִינְדֶער פָּשׁוּט אוּן בִּילִיג אוּן אִיר זָאלְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "כֵּיוָן שֶׁנִּצְטָרֵךְ אָדָם לַבְּרִיּוֹת, פָּנָיו מִשְׁתַּנּוֹת כִּכְּרוּם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, עֶר ווִיל גֶעפֶעלְן פַאר אַ צְוֵוייטְן, וֶוערְט עֶר אַזוֹי ווִי אַ קָאלִירְטֶע פֵייגְל וָואס טוֹישְׁט יֶעדְן טָאג אִיר קָאלִיר, וַוייל זִי דַארְף פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ אוֹיסְקוּקְן – דָאס אִיז נִישְׁט קַיין לֶעבְּן; אַז מֶען זוּכְט נָאר צוּ גֶעפֶעלְן אַ צְוֵוייטְן דֶעמָאלְט אִיז מֶען אַ נֶעבֶּעךְ, אָבֶּער וֶוען מֶען לֶעבְּט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶעבְּט פַאר זִיךְ – דֶעמָאלְט לֶעבְּט מֶען אַ גוּט לֶעבְּן.

נָאכְמַאל, קֵיינֶער זָאל אַייךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז אוֹיבּ אִיר וֶועט נִישְׁט גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער דָאס טֵייעֶרְסְטֶע אוּן דָאס בֶּעסְטֶע וְכוּ' וְכוּ' וֶועלְן זֵיי שְׁפֶּעטֶער זָאגְן אַז מֶען הָאט זֵיי בַּאקעַוְולְט; פַארְקֶערְט, דִי אַלֶע וָואס שְׁרֵייעֶן אַז מֶען הָאט זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעגֶעבְּן וְכוּ' – קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶּער וָואס מֶען הָאט זֵיי בֶּאֱמֶת גֶעפַּיינִיגְט, פַארְשֶׁעמְט אוּן גֶע'רוֹדְפְּ'ט, דָאס בַּאדֶערְט זֵיי.

דֶער עִקָּר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס עֶס בּוּזְשֶׁעוֶועט אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט אוּן רַייסְט אוֹיס יוּנְגֶע אוּן אַלְטֶע בֵּיימֶער, מֶענְטְשְׁן פַאלְן אַוֶועק פוּן דִי אֱמוּנָה, מֶענְטְשְׁן פַאלְן אַוֶועק פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶעס קִינְד בַּאזוּנְדֶער אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה חלק ד', מכתב רצב)


חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

אויף קול ברסלב

דרוקט: 1-2-4-2

- שמעו ותחי נפשכם -



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com



קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876